דבר מלכות לנוער

ב"ה ימות המשיח. עש"ק פר' כי תצא, ח' אלול
ה'תשס"ו – הי' תהא שנת סגולות ונפלאות

# מלחמה מתוך מנוחה

לויט 'דבר מלכות' פון שבת פרשת כי תצא ה'תנש"א

## כי תצא למלחמה – וואָס איז דער קשר צו דער גאולה?

'לעבן מיט דער צײַט פון פרשת השבוע' איז דער געזעץ, און אויך די גוטע בשורות פון דער גאולה שלימה פאַרבינד דער רבי מלך המשיח שליט"א שטענדיק מיט פרשת השבוע.

אונזער פרשה רעדט וועגן 'כי תצא למלחמה על אויביך', אַ צושטאַנד פון דאָס אַרויסגאַנג אויף אַ קאַמף. און לויט חסידות רעדט זיך עס וועגן דער אַרויסגאַנג פון די נשמה מתחת כסא הכבוד צו אַראָפּקומען אין עולם הזה וואָס איז פול מיט פּײַנט און שטערערס, און באַזונדער אין דער צײַט פון גלות ווען די שטערונגען שטאַרקן זיך. אין אַזאַ צושטאַנד דאַרף די נשמה קאַמפן אויף צו בלײַבן איבערגעגעבן צו אירע אויפגאָבע און אויספירן איר גאַנצערהײט, די נשמה דאַרף זיך אָנשטערנגען און אַנטפּלעקן באַהאַלטענע כחות כדי צו מצליח זײַן.

דוקא די נעקסטע פרשה, פרשת כי תבוא, דערצײלט וועגן "כי תבוא אל הארץ אשר ה' אלוקיך נותן לך נחלה וירשתה וישבת בה", אידן זיצן אין לאַנד איש תחת גפנו ותחת תאנתו, לערנען תורה און דינען דעם אויבערשטן רואיקערהײט.

לײגט צו דער רבי מלך המשיח שליט"א און דערמאָנט דעם געזעץ אַז התורה היא נצחית – די תורה איז אַן אײביקע, און אַז הײַנט לײנען מיר אין תורה "כי תבוא אל הארץ" ווייסן מיר אַז מ'מײנט אונז, דער דור וואָס וועט אַרײַנגײן אין דעם לאַנד אין די גאולה שלימה.

אין די נאָענטע שבת צו שחרית וועלן מיר לײנען 'כי תצא' און צו מנחה וועלן מיר לײנען 'כי תבוא', אויב מען לײנט בײדע אין אײן טאָג, מײנט עס אַז זײ האָבן אַ ספּעציעלער פאַרבונד צווישן זיך. אָבער מיר זעען אַז פרשת כי תצא רעדט וועגן די מלחמה פון גלות, און אין פרשת כי תבוא ווערט דערצײלט וועגן די מנוחה פון דער גאולה, וואָס איז טאַקע דער קשר צווישן זײ?

## אָנטרעפן די גאולה אינמיטן די מלחמה

ערקלערט דער רבי מלך המשיח שליט"א:

פרשת כי תבוא איז אַן ערקלערונג אויף פרשת כי תצא, נאָכדעם ווי אידערפרי וועלן מיר לײנען וועגן דער אַרויסגאַנג צום גלות און די עבודה אין

וועלט, וועלן מיר הערן צו מנחה פרשת כי תבוא וואָס ערקלערט ווי אַזוי דאַרף די מלחמה זיין.

אויך אין די לעצטע מינוטן פון גלות, ווען מיר דאַרפן אָפּענדיקן די מלחמה און די עבודה פאַר די גאולה, דאַרפן מיר דאָס טאָן מתוך שמחה וטוב לבב אויף אַ משיח'דיקן אופן. און שוין איצטער קענען מיר אָנהויבן באַקומען דעם וואונדערליכן שכר פון ימות המשיח.

מיר געדיינקן דאָך זיך נאָר פון זינט מיר זיינען געבאָרן געוואָרן אין דער וועלט, און דעריבער זיינען מיר איינגעוואוינט צו זיינע באַגרענעצונגען. מיר ווייסן אַז ניט יעדער זאַך איז מעגלעך צו אויספירן, און ס'איז דאָ אויפגאַבעס וואָס פאָדערן מערערע אָנשרענגונגען און אפילו ממש צו קאַמפן כדי צו אָנפילן זיי. אַזוי איז דאָס אין דער וועלט.

אין 'דבר מלכות' לערנען מיר און דערמאָנען זיך אין דעם מאמר חז"ל "במי נמלך, בנשמותיהם של צדיקים", אַמאָל זיינען מיר געווען טהור'דיקע נשמות פון אונטערן כסא הכבוד, און אַז דער אויבערשטער האָט געוואָלט באַשאַפן די וועלט האָט ער געפרעגט (כביכול) און האָט זיך באַראָטעט מיט אונזערע נשמות, און מיר האָבן באַשלאָסן אַז ס'ווערט און מ'דאַרף אַז ס'זאָל זיין אַ וועלט. און אין יענער שטאַנד האָבן אונזערע נשמות אָנגענומען אויף זיך פרייוויליק צו אַראָפּגיין אין אין וועלט, אין זיינע באַגרענעצונגען און שוועריקייטן, און דאָרטן אונטן דינען דעם אויבערשטן.

אין יענער שטאַנד איז אויך געווען קלאָר צו אַלעמען אַז דער צוועק איז צו מאַכן אַ דירה צום אויבערשטן בתחתונים, דאַן וועלן נתבטל ווערן אַלע באַגרענעצונגען וואָס ס'איז דאָ אין וועלט און דער גאַנצער וועלט וועט זען און אַנערקענען אַז דער אויבערשטער איז איינער און וועט אונז נאָר אַרויסהעלפן צו אָנפילן די אויפגאַבע.

כדי אַז אונזערע נשמות זאָלן טאַקע מצליח זיין מיט די אויפגאַבע, האָט זיי דער אויבערשטער געגעבן ספּעציעלע כחות אַז אומעטום און אין יעדער צושטאַנד מיט וועלכע זיי וועלן זיך אָנטרעפן אין דער אונטערשטער וועלט וועלן זיי האָבן אַ דירעקטער פאַרבונד מיטן אויבערשטן, אַ פאַרבונד וואָס וועט זיי דערמאָנען זייערער אמת'ער צושטאַנד, העכער פון וועלט און העכער פון אַלע זיינע באַגרענעצונגען, און זיי קענען אויפטאָן אַלץ.

## תכל'ס

היינט, ווען מיר טאַקע דערנענטערן זיך צו יענער צייט, און אָט גלייך פאַרענדיקט זיך די עבודה און וועט אָנקומען די תקופה אין וועלכע מיר וועלן שוין באַקומען דעם שכר און זיצן רואיקערהייט מיט דער גאַנצער שפע וואָס וועט דעמאָלט זיין, דאַרף אונזערע עבודה שוין איצער זיין ווי עס פּאַסט צו ימות המשיח.

ערשטנס, פשוט זיך פאַרנעמען מיט ענינים וואָס זיינען שייך צו משיח, און

ספעציעל לערנען נאָך און נאָך עניני גאולה ומשיח.

דער עיקר וואָס דער רבי מלך המשיח שליט״א ערוואַרט פון אונז, אַז מיר זאָלן פילן ממש אין ימות המשיח, דאָס הייסט אַז מיר זאָלן געדיינקן און וויסן אַז מיר זיינען נישט באַגרעניצט, אין יעדער פעולה וואָס מיר ווילן טאָן זאָלן מיר וויסן אַז אין דער גאַנצער וועלט איז ניטאָ קיינער וואָס קען גיין קעגן אונז, מיר זיינען די וועלכע האָבן באַשלאָסן בכלל באַשאַפן דעם וועלט און אויב ס'איז דאָ אין אים זאַכן וואָס זיינען כאילו נעגאַטיוו און שטערן ווייסן מיר אַז דאָס איז נאָר כדי צו פאַרשטאַרקן אונז, כדי אַז מיר זאָלן זיי איבערקומען און אַליין באַוויזן אַז קיינער קען אונז ניט אָפּשטעלן.

און נאָך אַ וויכטיגע זאַך וואָס מ'דאַרף וויסן. אין די תקופה וואָס איז אַזוי נאָענט צו משיח'ס קומען, שוין איצטער גיט אונז דער אויבערשטער דעם שכר און גיט צו יעדערער פולקייט אין גשמיות ער זאָל קענען דינען דעם אויבערשטן אָן שטערונגען.

## מפרסם זיין אומעטום

און גיט דער רבי מלך המשיח שליט״א נאָך אַ הוראה, צו פאַרעפנטלעכן אומעטום די אויבנגערעדטע ענינים:

**לפרסם בכל מקום ומקום שעומדים בסיום וחותם דמעשינו ועבודתינו, ובהתחלת התקופה דתשלום השכר, "מתן שכרן של צדיקים", ובהתאם לכך צריכה להיות גם העבודה בעניינים השייכים לימות המשיח, החל מלימוד התורה בעניני משיח וגאולה ובית המקדש, ועוד ועיקר מתוך מנוחה והתיישבות שמחה וטוב לבב.**

(צו פאַעפנטלעכן אומעטום אַז מ'שטייט אין דעם ענדע און אָפּשלוס פון מעשינו ועבודתינו, און אין די אָנהויב תקופה פון דאָס אָפּצאָלן דעם שכר, "מתן שכרן של צדיקים", און אַנטשפּערכנדיק דערצו דאַרף זיין אויך די עבודה אין ענינים וואָס זיינען שייך צו ימות המשיח, אָנהויבנדיק פון לימוד התורה אין עניני משיח וגאולה און בית המקדש, ועוד ועיקר מתוך מנוחה והתיישבות שמחה וטוב לבב).

און פאַרענדיקט מיט אַ ברכה:

**ויהי רצון שמהדיבור וקבלת החלטות טובות בכל הנ״ל, נזכה תיכף ומיד שהקדוש ברוך הוא יתן לכל אחד ואחד מישראל כל המצטרך לו, מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, ועל אחת כמה וכמה בענין הכי עקרי – גאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו.**

(ויהי רצון אַז פון דעם רעדן און אָננעמען גוטע באַשלוסן אין אלעם אויבן דערמאָנטע, זאָלן מיר זוכה זיין תיכף ומיד אַז דער אויבערשטער זאָל געבן יעדערן פון אידן אַלץ וואָס ער נויטיקט זיך, פון זיינע פולע אָפענע הייליגע און ברייטע האַנט, און על אחת כמה וכמה אין דער הויפּט ענין – גאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו).

•

יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!

יו״ל ע״י
תנועת הנוער
צבאות ה׳ בארה״ק